**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**וואס זיי זאגן: ערוועלטע און קאמיוניטי פירער טוען שטיצן גאווערנאר Hochul'ס פלאן צו געבן געלטער פאר טראנזיט און שטעלן רייזנדע ערשט**

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט נעכטן געמאלדן אז די פויזע אויף קאנדשעסטשן פרייזונג וועט זיך ענדיגן אין ניו יארק סיטי ביז אנפאנג יאנואר. דאס איינפירן די קאנדשעסטשן פרייזונג פראגראם איז עדות צו די גאווערנאר'ס פארשפרעכונג צו פארמינערן טראפיק אנגעלייגטקייט און לופט פארפעסטיגונג דורכאויס ניו יארק סיטי. די 2025-29 קאפיטאל פלאן פון די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אטריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) וואלט אויסגעגעבן די סך-הכל פון $68.4 ביליאן, אריינגערעכנט $47.8 ביליאן פאר NYC טראנזיט, סטאטן איילענד רעילוועי און MTA באס קאמפאני, $6 ביליאן פאר סיי מעטרא-נארט רעילראוד און סיי לאנג איילענד רעילראוד, $5.3 ביליאן פאר גרויסע פראיעקטן און פארברייטערונגען, און $3 ביליאן פאר MTA ברוקן און טונעלן - דאס איז די גרעסטע MTA קאפיטאל פלאן פארגעשטעלט אין ניו יארק'ס היסטאריע, צילנדיג צו פארבעסערן די אינפערסטראקטשער און פארלעסליכקייט פון די סיטי'ס טראנזיט סיסטעמס פאר ניו יארקער.

**רעפריזענטעטיוו Adriano Espaillat (אדריאנו עספעילאט) האט געזאגט,** "א פארזיכערטע קוואל פון איינקומפט פעלט זיך וויכטיג אויס צו קענען אויפהאלטן אונזער טראנזיט אינפערסטראקטשער און עקאנאמיע. דאס רעכנט אריין שטיצע פאר די סעקאנד עוועניו סאבוועי פאזע 2, ברענגנדיג שטארק-אויסגעפעלטע טראנזיט צוטריט צו היסטאריש שוואך-באדינטע געגנטער ווי איסט הארלעם. עס טוט אויך שטיצן א מער ברייט אריינעמנדע סיסטעמס דורך פארזיכערן ADA צוטריט דורכאויס דער סיטי און מיין דיסטריקט, ספעציפיש סענטראל און וועסט הארלעם און קינגסברידזש. ווי אויך, וועלן אינוועסטירונגען אין געזונטהייט און ענווייראנמענטאלע פארבעסערונגען, ווי צום ביישפיל די בראנקס'ס אטסמע צענטער און די עלעקטראנישע טראק טשארדשינג אינפערסטראקטשער, דירעקט אדרעסירן נאכאנאנדע שוועריגקייטן אין רעד-ליינד קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו ווייטער מיטארבעטן מיט גאווערנאר Hocul און לאקאלע פירער ארויסצוברענגען די טראנספארמירענדע פארבעסערונגען לפועל."

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער Adrienne Adams (אדריען אדאמס) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פאבליק טראנספארטאציע סיסטעם איז די לעבן'ס קראפט פון אונזער סיטי, און מיליאנער רייזנדע פארלאזן זיך אויף דעם צו קענען אויספירן זייער פשוט'ער פארפליכטיגונגען און צו זיכן פרישע געלעגנהייטן," האט געזאגט ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער Adrienne Adams. "עפארדיביליטי פאר ניו יארקער מיז באגלייטן אונזערע באשלוסן און זיין א פראיריטעיט וואס מיר האבן אלע גלייך. אזוויי דאס איינפירן פון דער איבערגעמאכטע קאנדשעסטשן פלאן רוקט זיך נענטער, זענען אינוועסטירונגען אין די יעצטיגע און לאנג-טערמינענדע געזונטהייט פון אונזער טראנספארטאציע אינפערסטראקטשער קריטיש וויכטיג פאר די וואוילזיין פון אונזער סיטי און אירע קאמיוניטיס. פאר איינוואוינער פון טראנספארטאציע מדבריות אין אויסער-באראו געגנטער און קאמיוניטיס אויסגעשטעלט צו ענווייראנמענטאלע געפארן, האט עס היסטאריש געפעלט, מיט אומ'יושר'דיג שווערע תוצאות. דאס אדרעסירן דער אלטע

אומ'יושר'דיגקייטן, און צושטעלן די טראנספארטאציע געברויכן פון ניו יארקער אין יעדער טייל פון אונזער סיטי, מיז זיין א אנגייענדע ציל פאר אלע שטאפלען פון די רעגירונג. אזויווי די פלאן רוקט זיך פאראויס, איז עס קריטיש-וויכטיג פאר אלע וואס זענען אריינגעמושט צו זיין פארנומען מיטן מאכן אונזער סיטי מער עפארדעבל און גרינגער אומצוגייין צו זיכער מאכן אז ניו יארקער קענען נאכקומען לעבנ'ס געברויכן און פארפליכטיגונגען ווי עס דארף צו זיין."

**ניו יארק סיטי קאונסיל-מיטגליד Gale Brewer (געיל ברוער) האט געזאגט,** "פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונג האט נישט געגעבן גענוג געלט-שטיצע פאר טראנזיט פאר אסאך צו לאנג - צענדליגע יארן! - און מיר האבן זיך צוגעוואוינט צו די אומפארלעסליכע באן סערוויס, מאסיווע גרידלאק, און שוואכע לופט-קוואליטעיט וואס דאס האט צוגעברענגט," האט געזאגט קאונסיל-מיטגליד Gale A. Brewer. "איך פארשטיי די היציגקייט פון דער נושא, אבער מיר דארפן אויך פארשטיין דער גאר טיפע און שטארקע געברויך פונעם MTA צו פינאנצירן גאר גרויסע פארבעסערונגען צו אונזער איבער הונדערט יאר אלטע טראנזיט אינפערסטראקטשער. מען וועט זיך טאקע דארפן צוגעוואוינען צו קאנדשעסטשן פרייזונג, אבער עס לוינט זיך. א דאנק, גאווערנער Hochul, פארן עס פאראויסרוקן."

**ווייט פלעינס מעיאר Tom Roach (טאם ראוטש) האט געזאגט,** "די יעצטיגע טראפיק צושטאנד אין לאוער מענהעטען האט צוגעפירט צו שוואכע לופט קוואליטעיט,אומפארזיכערטע מציאות'ער פאר פיסגייער, און האבן אפגעהאלטן דאס קענקן ארומשוקן סחורה און צושטעלן עמערדשענסי סערוויסעס. גאווערנאר Hochul'ס באשלוס צו פאראויסגייין מיט קאנדשעסטשן פרייזונג וועט האבן א באדייטנדע פאזיטיווע השפעה אויף די לעבן'ס קוואליטעיט אין די אפעקטירטע געגנט און וועט צושטעלן די שטארק-גענויטיגטע געלטער פאר מאסן-טראנזיט, דער מערסט-עפעקטיווע וועג ארומצופירן מענטשן. אונזערע טראנזיט סיסטעמס איז ווי אן אומגעשלייפטע דיאמאנט, שפילענדיג א וויכטיגע ראלע אין די עקאנאמיע פון אונזער ראיאן. קאפיטאלע פארבעסערונגען וואלטן געדארפט פאסירן לאנג צוריק. עס קומט זיך פאר טראנזיט רייזענדע א בעסערע איבערלעבניש, זיי זענען, סוף כל סוף, דער סיבה פארוואס די וואס דארפן יא פארן מיט א קאר אין לאוער מענהעטן קענען דאס בכלל טון."

**ניו ראשעל מעיאר Yadira Ramos-Herbert (יאדירע רעמאס-הערבערט) האט געזאגט,** "אלס די מעיאר פון ניו ראשעל, טו איך גענצליך שטיצן גאווערנאר Hochul'ס קאנדשעסטשן פרייזונג פלאן. דער אונטערנעמונג איז א פאראויס-טראכטענדע לעזונג וואס וועט פארמינערן טראפיק, פארבעסערן לופט קוואליטעיט, און צושטעלן די קריטיש וויכטיגע געלטער צו פארבעסערן פאבליק טראנזיט - בענעפיטירנדיג נישט נאר ניו יארק סיטי, נאר אויך אונזער גאנצע ראיאן. עס איז א געווינס פאר סאסטעינעביליטי, עקאנאמישע וואוקס און דער צוקומפט פון אונז אלע."

**קינגסטאן מעיאר Steve Noble (סטיוו נאובל) האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנאר Hochul פארן פריש-אריינברענגען דער פאראויס-טראכטענדע געדאנק פון קאנדשעסטשן פרייזונג פאר ניו יארק סיטי. דער פאליסי וועט זיין א ביישפיל פאר אנדערע שטעט - עס וועט גענצליך איבערמאכן די וועג וויאזוי אונזער גרעסטע סיטי געבט זיך אן עצה מיט די נאכאנאנדע פראבלעם פון טראפיק און אנגעלייגטקייט, בשעת'ן פארזיכערן די שטארק נויטיגע געלטער פאר מאסן-טראנזיט פראיעקטן. אלס א קליינע סיטי מיט א צאל מענטשן וואס פארן כסדר צו און פון מענהעטן מיט די באס, בין איך אין שטיצע פון דער אונטערנעמונג און פון די פאזיטיווע זיכערהייט און ענווייראנמענטאלע בענעפיטן וואס עס וועט ברענגען. קאנדשעסטשן פרייזונג וועט זיין א היסטארישע דערגרייכונג וואס וועט בעניפיטירן ניו יארקער פאר קומענדיגע דורות."

**אלסטער קאונטי עקזעקיוטיוו Jen Metzger (דשען מעטסגער) האט געזאגט,** "איך האב געשטיצט קאנדשעסטשן פרייזונג בשעת איך האב געדינט אינעם סטעיט סענאט, און איך בין גאר צופרידן צו זעהן די פאליסי זיך רוקן פאראויס. קאנדשעסטשן פרייזונג וועט באדייטענדערהייט פארמינערן קלימאט-

שאטענדע עמישענס און פארבעסערן די לאקאלע לופט קוואליטעיט און פאבליק געזונטהייט, בשעת'ן צושטעלן די געלטער פאר וויכטיגע פאבליק טראנזיט אינוועסטירונגען וואס וועט בעניפיטירן נישט נאר סיטי איינוואוינער, נאר אלע פון אונז."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן